Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# ניעער פאלקסבלאט

№ 260 | Łódź, Czwartek, 13 listopada 1930 r. | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כב מרחשון תרצ"א | № 260

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# פוילישע רעגירונג אינטערווענירט ביי די ענגלישע

## וועגען די אימיגראציע־בעגרענצונגען אין ארץ־ישראל

וואַרשא, 12. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספאָנדענט) דער פוילישער אויסערן־מיניסטער זאַלעסקי האָט זיך געווענדעט צום פוילישן אַמבאַ־סאדאָר אין לאָנדאָן סקירמונט, אַז ער זאָל אין נאָמען פון דער פוילישער רעגירונג אינטערווענירען ביי דער ענגלישער רעגירונג וועגן אָפּשאַפען די אימי־גראַציע־בעגרענצונגען און ערד־קויף־פערבאָט פאַר ידען אין פאַלעסטינא.

### גאַנצע שטימען אָפען

#### דעלעגאַציע פון דער אָפּאָזיציע ביים הויפּט־וואַהל־קאָמיסאַר

וואַרשא, 12. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספאָנדענט) היינט האָט זיך געווענדעט אַ דעלע־גאַציע פון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען צום הויפּט־וואַהל־קאָמיסאַר (די דעלעגאַציע איז בעשטאַנען פון פ.פ.ס., ענדעקעס, פויערים־פּאַרטיי און „וויז־וואָלעניע") און געפאָדערט ביי איהם, אַז ער זאָל צוריקציהען זיין פּירוש וועגן שטימען אָפען, אין פאַל, אַז ער וועט דאָס נישט טון, האָט די דעלע־גאַציע געפאָדערט אַז ער זאָל תיכף צונויפרופען אַ זיצונג פון דער הויפּט־וואַהל־קאָמיסיע.

### מען פּראָגרעסירט ב"ה...

וואַרשא, 12. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָ־רעספאָנדענט) לויט אָפיציעלע ידיעות איז אין משך פון די ערשטע 8 חדשים ה. י. פאַרגעקומען 572 באַנקראָטען.

ס'איז אינטערעסאַנט, אַז פאַר'ן גאַנצן יאָהר 1929 זענען געווען נאָר 560 באַנקראָטען.

בעקאַנטמאַכונג.

דער ניי־ערעפענטער קאַפע־רעסטאָראַן „A'LA CARLTON"

שענקעוויטשא 22, טעל. 140-10

כשר — מאַכט בעקאַנט, אַז ס'ווערט אויסגעגעבן טעגליך — כשר

פריהשטיק פון 5 גענג 1.50 זל.

מיטאָג פון 2 זל. און 2.50 זל. מיט פיש

אָווענדברויט אַלאַ קאַרט

בעמערקונג: צום מיטאָג ווערט צוגעגעבן אומזיסט שוואַרצע קאַווע, סאָלידע בעדינונג, וואָס ס'ווערט נישט גערעכנט, ביטע אונז צו בעזוכן.

מיט אַכטונג

שלמה טאַסק—הענריקאָווסקי

## עפענטליכע ערקלערונג

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערקלערונג פון עטליכע אונפעראַנטוואָרט־ליכע יונגעלעך וועלכע האָבען זיך ערלויבט אויף אַ געמיינעם אופן אַרויסצו־טרעטען געגען היגען ראַבינאַט ערקלערען מיר איז נאָמען פון אַלע געגזלער, וואָס געפינען זיך אין האַלע אויף וואָלבאָרסקע 15|17, אַז מיר האָבען נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיט די פּערזאָנען וואָס זענען מאכיל טריפות און האָבען נאָך די העזה צו פּראָוואָצירען די בעפעלקערונג, וואָס וויל זיכער נישט עסען קיין טרפות — און מיר ווענדען זיך צו דער לאָדזער בעפעלקערונג און ערקלערען: אַז מיר פאַרקויפען כשר'ע גענז אונטער דער השגחה פון לאָדזער ראַבינאַט צו בילינע פּרייזען.

די בעפעלקערונג דאַרף ביים קויפען גענז אונבעדינגט שטרענג אַכטונג געבען צו קויפען נאָר אַזעלכע אויף וועלכע עס געפינט זיך אַ באַנדעראָל מיט דער אויפשריפט אונטער די השגחה פון ראַבינאַט און ועד הכשרות אין לאָדז.

די פערוואַלטונג

פון יודישען געפליגעל־הענדלער פעראיין אין לאָדז, פּאָמאָרסקע 17

## אויפקלערונג

### צו דער לאָדזער יודישער בעפעלקערונג

מיר סוחרים פון געפליגעל־הענדלער, וואָס האַנדלען אָפיציעל מיט פרעמדער שחיטה פון דער האַלע וואָלבאָרסקא 15|17 ערקלערען מיר דער לאָדזער בעפעלקערונג, אַז דאָס וואָס די לאָדזער פּרעסע האָט גערופען, אַז פרעמדע שחיטה איז טריפה, מאַכען מיר בעקאַנט, אַז זיי האָבען נישט טריפה געמאַכט צוליב כשרות, נאָר צוליב געשעפט, אַז די לאָדזער געגזלער, וואָס האַנדלען מיט לאָדזער שחיטה זאָלען קענען זייערע לאָדזער גענז פער־קויפען צו אַ גרויסען פּרייז און אין דעם פאַל וועט קיין שום מיטעלמענש נישט קענען קויפען קיין שטיקעל געגזענס.

דעריבער מאַכען מיר בעקאַנט דער בעפעלקערונג, אַז מיר בעזיצען הכשרים טאָג־טעגליך פון דעם ראַבינאַט, וואו און ווען די גענז ווערען גע'שחט'ען.

עס פאָלגען אונטערשריפטען

הזכרה

למלאת יום השנה הראשונה לפטירתו של מיסד ישיבתנו „תורת חסד", היא גברא יקירא, עובד ד' שמסר נפשו ומאודו בעד החזקת התורה ולומדי מוה"ר

אלכסנדר סנדר דישקין

בה"ר יצחק ז"ל

תערך הזכרה בבנין ישיבתינו ברחוב קילינסקעגאָ 29 היום ביום ה' כ"ב לח' מרחשון בשעה 6 בערב.

מתבקשים להופיע קרוביו, מיודעיו ומוקיריו של המנוח זצ"ל.

מספדי־מר ירציאו הרה"ג שליטא: הרב הגאון רבי משה מנחם הלוי סג"ל, רב דפה; הרב הגאון ר' ישראל לעוו, ר"מ דישיבתנו; הרב הגאון ר' ארי' צבי פרצוביץ, רב דמראק והרה"ג ר' חיים דוד ראזאנעס, מנהל ישיבתנו.

ועד הישיבה „תורת חסד" בלאדז, קילינסקעגאָ 29.

17 — אַכטונג, יוגענד! — 17

היינט, דאנערשטאג, ד. 13־טען נאָוועמבער פּינקטליך 6 אָווענד קומט פאָר אין „ענגלישען זאל", אַלעע 1־טער מאַי 2

א יוגענד־פערזאַמלונג

מיט דער בעטייליגונג פון געוועזענעם סיים־דעפּוטאַט

יצחק גרינבוים

איינגאַנג נאָר לויט לעגיטימאַציעס!

17 אַלע וועלכע האָבען זיך רעגיסטרירט צו דער וואַהל־אַרבייט אין האָפּען נאָך נישט אַרויסגענומען די לעגיטימאַציעס דאַרפען זיך אונבעדינגט באַלד ווענדען אין הויפּט־וואַהל־ביוראָ, צעגעלניאַנאַ 4. 17

18 — אַלגעמיין־יודיש נאַציאָנאַל־ווירטשאַפטליכער בלאָק.

היינט, דאנערשטאג, 8 אַ זייגער אין אָווענד קומט פאָר אין זאַל „איראָפּייסקי" זגערסקאַ 17

אַ גרויסער וואַל־מיטינג

פאַר טאָרג־ און מאַרק־שטייער און קליינהענדלער

מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען פאַרשטעהער פון בלאָק.

18 — האַנדווערקער און קליינהענדלער,

חסידים און בעלי־הבתים! אַלע האָבען זיך פעראייניגט אין קאַמף פאַר זייערע בלוטיגע אינטערעסען.

אַלע ווי איינער שטימען זונטאָג אויף דער ליסטע נ'

בלאָק צו פערטיידיגען די ווירטשאַפטליכע אינטערעסען פון דער יוד. בעפעלקערונג

28 — היינט, דאנערשטאג, דעם 13|XI, 8 אַז. אין אָווענד קומט פאָר אין לאָקאַל פון פּראָכט־ און געמיזע־הענדלער־פעראיין זגערושער 28 — 28

אַ גרויסער מיטינג

ס'וועלען אַרויסטרעטען אַלס רעדנער ראַטמאַן אדוו. יוסף וויצמאַן, ראַטמאַן פ. כאַרי, מאגיסט. מ. באַלבערישסקי, לייבל געריכט, עזר האַמבורגער און אַנד.

איינגאַנג דורך איינלאַדונגען.

Dr. N. HALTRECHT

הויט און געשלעכטס־קראַנקהייטען

נעמט אָ פון 8 ביז 9 פריה, פון 11—3 נאָכמיטאָג און פון 8 ביז 9 אָוונד.

פּיעטריקאָווער 10

פאַר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פּרייזען.

די פערזיכערונגס־געזעלשאַפטען

„Riunione Adriatica Di Sicurta" i „Piast"

מאַכען העפליך בעקאַנט, אַז די ביוראָס פון די לאָדזער אָפּטיילונגען ווערען פון דעם 14־טען נאָוועמבער ד. י. איבערטראַגען פון פּיעטריקאָווער 87 אין נייעם לאָקאַל אויף

136 פּיעטריקאָווער 136

